# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**פה ק"ק קרית יואל יצ"ו**

בעזהשי"ת | מקץ – שבת חנוכה (ד–ה) | כיתה ו' ז' תשע"ב לפ"ק


## ויהי מקץ שנתים ימים.

**דער הייליגער רבי מאיר'ל פרעמישלאנער** זי"ע האט דערציילט אז זיין טאטע (הרה"ק ר' ארון לייב מפרעמישלאן) האט אמאל געהאט "עליית נשמה", און האט געזעהן ווי מ'ברענגט ארויף אין הימל א יונגען מענטש, און אַן אלטן איד, פלוצלונג הערט ער ווי דעם יונגען מענטש האט מען אנגערופן אַ אלטער איד און דעם אלטן איד האט מען גאר גערופן "יונגל".

דא איז דאך אַן עולם האמת, פארוואס מאכט מען חוזק פון מענטשן? - האט ער זיך געוואונדערט. האט מען אים געזאגט אז אויבן אין הימל רעכנט מען נישט די יארן פונעם מענטש לויט די צייט וואס ער האט געלעבט, נאר לויט וויפיל מעשים טובים ער האט אנגעפולט די טעג.

האט רבי מאיר'ל געטייטשט, **ויהי מקץ** עס קען זיין אז ווען מ'האלט ביים סוף פונעם לעבן, דערזעהט מען אז **שנתיים** פון אסאך יארן וואס ער האט געלעבט, **ימים** איז נאר געבליבן איינצעלנע טעג.

דעריבער דארף מען זעהן אויסצונוצן די צייט און אריינכאפן וואס מער תורה ומצוות, און טוהן דעם רצון ה', כדי יעדער טאג זאל זיין אנגעפולט מיט א פארמעגן, ער זאל זיך נישט שעמען דערמיט לעולם הבא, און אז עס זאל טאקע האבן דעם ריכטיגן חשיבות.

❖

**כלנו בני איש אחד נחנו:** איז דא א מסורה דריי פסוקים מיט די ווארט נחנו, **כלנו בני איש אחד נחנו, נחנו פשענו ומרינו, נחנו נעבור חלוצים לפני אחינו.**

**דער הייליגער ישמח משה זי"ע איז** מסביר די מסורה לויט דעם וואס די גמרא זאגט אז אין די צייטן פון אחאב הרשע האבן אידישע קינדער אלעמאל מנצח געווען די מלחמות ווייל זיי האבן געהאט אחדות, אפילו זיי זענען נישט געווען ערליך און זיי האבן געדינט עבודה זרה. אבער אויב ס'איז ח"ו נישט דא קיין אחדות קען מען נישט מנצח זיין קיין מלחמות.

דאס זאגט די מסורה **נחנו פשענו ומרינו**, אפילו אויב אידן האבן געזינדיגט, אויב אבער **כולנו בני איש אחד נחנו**, מ'פירט זיך אויף ווי ערליכע אידן מיט אהבה אחוה שלום ורעות ווי גוטע ברודער, דעמאלטס **נחנו נעבור חלוצים לפני אחינו** קען מען אריבערגיין און מנצח זיין אין אלע מלחמות.

### ידיעות פון דריידל (ג)

**ח)** אין **בני יששכר** שטייט אז דער טעם פארוואס **פורים** דרייט מען מיט א גראגער, און **חנוכה** דרייט מען מיט א דריידל.

ווייל חנוכה איז געווען די התעוררות פון הימל, און דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין הארץ פון די חשמונאים אז זיי זאלן מלחמה האלטן מיט די יונים, און אזוי האט זיך אלעס אויסגעדרייט דא אונטן, דערפאר דרייט מען מיט א דריידל, צו ווייזן אז מען דרייט פון אויבן און עס דרייט זיך פון אונטן.

אבער פורים איז געווען די התעוררות דא אונטן ווייל די אידן האבן דא תשובה געטוהן, און דורך די תשובה דא אונטן האט זיך אויסגעדרייט אויבן אין הימל, און מען האט צוריסען די שלעכטע גזירה, וועגן דעם דרייט מען פורים מיט א גראגער וואס מען דרייט פון אונטן, און עס דרייט זיך פון אויבן,

(פון דא זעען מיר אז יעדער מנהג ישראל איז אזוי הייליג, און מען זאל נישט נאכמאכן די מאדערנע וועלט צו קלאפן ביי המן מיט אלע מיני נייע זאכן ווי סנעפערס וכדו' נאר מען זאל אנהאלטען די אלטע מסורה צו דרייען מיט א גראגער, די זעלבע איז מיט דריידל אליינס, זאל מען דרייען ווי דער מנהג איז, און נישט ווי אנדערע דרייען מיטן דרייער פון אונטן)

**פארוואס דארף די מנורה ברענען פונקט א האלבע שעה?**

ענטפערט דער **אסטראווצער גאון**, וויל דער **בית יוסף** פרעגט וואס איז געווען דער נס דעם ערשטן טאג חנוכה, אויף איין נאכט איז דאך געווען גענוג אויל, איז דא א תירוץ אז וויבאלד די יונים האבן מטמא געווען די מנורה אויך, האט מען געמוזט מאכן א נייע מנורה, און די טבע פון א כלי איז, אז עס זאפט איין פון די משקה וואס ליגט דערין. די אלטע מנורה האט שוין נישט איינגעזאפט וויל די ווענט זענען געווען אנגעפולט, אבער אז מען האט יעצט געמאכט א נייע מנורה האבן די ווענט איינגעזאפט אסאך אויל, במילא איז נישט געווען גענוג עס זאל ברענען א גאנצע נאכט, דאס איז געווען דער נס דעם ערשטן טאג אז עס האט יא געברענט א גאנצע נאכט.

וויפיל אויל זאפן איין די ווענט פון די מנורה? אין מדרש שטייט אז אין די לאנגע ווינטער נעכט דארף מען אריין גיסן אין די מנורה גענוג אויל אז עס זאל ברענען 15 שעה, און דער פרי מגדים זאגט אז די ווענט פון א כלי איז א דרייסיגסטל חלק פון וויפיל עס ליגט אין די כלי, קומט אויס אז די מנורה האט איינגעזאפט אויל פון א האלבע שעה (א דרייסיגסטל פון 15 איז א האלב), און דאך האט עס געברענט א גאנצע נאכט, דאס איז געווען דער נס די ערשטע נאכט, וועגן דעם דארפן אונזערע חנוכה ליכטלעך ברענען א האלבע שעה.

## תירוצים על קושיות הרב בית יוסף

**תירוץ ט':** דער פרי חדש אויפן פלאץ (סימן עת"ר) זאגט א תירוץ אז דעם ערשטן טאג איז טאקע נישט געווען קיין נס פון די מנורה, נאר דעם ערשטן טאג האט מען באשטימט פאר א יום טוב צוליב דעם גרויסן נס וואס דער באשעפער האט געהאלפן אז מ'האט געוואונען די מלחמה און מ'האט באזיגט די יוונים. די אנדערע טעג  צינדט מען טאקע יא וועגן דעם נס פון די מנורה. (פרי חדש).

**תירוץ י':** מען קען ענטפערן נאך א תירוץ אויפ'ן בית יוסף'ס קשיא, וויל תוספות פרעגט וויאזוי האט מען געקענט צינדן די שמן וואס מ'האט געטראפן, אפשר איז די קריגל טמא געווארן?

ענטפערט דער **אר"י הק'** אז דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז עס האט געשיינט דער שם הוי"ה אויפ'ן קריגל, און דורך דעם האט מען געזעהן אז עס איז נישט טמא געווארן, קומט אויס אז דעם ערשטן טאג איז געווען דער  נס אז די שם הוי"ה האט געלאכטן.

טייטשט מיט דעם דער **קול ארי'** דעם פסוק **זה היום עשה**, דעם ערשטן טאג האט מען געמאכט א יו"ט, וויל **ד'**, דער שם הוי"ה האט געלאכטן, און וועגן דעם **נגילה ונשמחה "בו"**, בו באטרעפט 8, פרייד מען זיך 8 טעג און נישט נאר 7 טעג.

## ניצוצי אור

ט) **משיח** איז ר"ת **מדליקין שמונת ימי חנוכה**. דאס איז א רמז אז די מצוה פון חנוכה ליכט דערנענטערט ביאת משיח צדקינו (זרע קודש דף צ"ו).

י) חנוכה קען מען תשובה טוהן אפילו אויף גרויסע עבירות וואס עס העלפט נישט דערויף קיין תשובה, וויל דער אור הגנוז שיינט זייער ווייט אפילו צו נידריגע מענטשן (דברי חיים דף כ"ה).

יא) דער שכר פון מצות נר חנוכה איז אזוי גרויס אז דער מענטש וועט האבן מנוחה פון אלע זיינע פראבלעמען וואס נעמען אים ארום (תפארת שלמה דף ע"ז)

## רמזים וּפרפראות לחנוכה

ז) אין די טעג פון חנוכה דארף מען ספעציעל דערפרייען די קליינע קינדער, וויל דאס ווארט **חנוכה** באטרעפט 89 וויפיל דאס ווארט **טף** (חמרא טבא מהרה"ק מבארניב זצוק"ל)

ח) **חנוכה** ר"ת **ח'** נ'רות ו'הלכה כ'בית ה'לל. (אכט לעכט און די הלכה איז ווי בית הלל)

ט) **חנוכה:** ר"ת נ'עשה ו'נגמר ח'תימת כ'ל ה'שנה (עס ווערט געמאכט און געענדיגט די חתימה פון גאנצן יאר) (מאמר מרדכי).

י)אלעס וואס עס האט פאסירט אום חנוכה איז מרומז אין ווארט **חנוכה:**

**חנוכה** ר"ת: **חשמונאים נתגברו והרגו כל האויבים.** (די חשמונאים האבן זיך געשטארקט און גע'הרג'עט אלע פיינט)

**חנוכה** ר"ת: **נס כהנים וגם חנוכת מזבח.** (דער נס פון די כהנים און די באנייאונג פון מזבח)

**חנוכה** ר"ת: **נס השמן וגם כהני חשמונאים.** (דער נס פון אויל און די כהנים פון די חשמונאים)

**חנוכה** ר"ת: **חוצה נדלקים וזמנם כל הלילה.** (מ'צינדט אינדערויסן און די צייט איז א גאנצע נאכט)

**חנוכה** ר"ת: **חייבים כולם נשים וקטנים המחונכים.** (די פרויען און קטנים וואס זענען מחויב בחינוך זענען מחויב מיט די מצוה)

**חנוכה** ר"ת: **ח' נרות ועם כולם השמש.** (אכט לעכט און מיט אלע דער שמש)(ספר מטעמים החדש)

# פרפראות

## גיין נאך געלט חנוכה

דער מגן אברהם שרייבט נהגו הנערים לסבב בחנוכה על הפתחים, אז די קינדער האבן זיך געפירט ארום צו גיין חנוכה אויף די הייזער זאמלען געלט פאר צדקה.

זאגט דער הייליגער אור לשמים אז מ'קען זאגן א רמז דערויף, ווייל די ווערטער מ'זוזה י'מין ח'נוכה ש'מאל איז ר"ת משיח, נאר די צוויי זאכן זענען ווייט איינס פון צווייטן ווייל די מזוזה איז אויף די רעכטע זייט און די מנורה איז אויף די לינקע זייט, וועגן דעם איז ד'ער מנהג צו געבן צדקה, און חכמינו ז"ל זאגן גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה, ווייל דורכדעם וואס דער ארימאן קומט אריין אינמיטן די טיר צווישן די מזוזה און די מנורה איז ער מקרב די רעכטע זייט און די לינקע זייט, און אזוי קומט זיך צוזאמען די אותיות משיח.

דער פרי מגדים זאגט א טעם ווייל די מלכות יון הרשעה האט געהאט איר ציהל אויסצורייסן די דריי עמודים אויף וואס די וועלט שטייט, תורה, עבודה, גמילות חסדים, וועגן דעם האבן חז"ל מתקן געווען די נר חנוכה קעגן דעם אור התורה ווי עס שטייט כי נר מצוה ותורה אור, קעגן דעם עמוד העבודה האבן זיי מתקן געווען הלל והודאה, און קעגן דעם עמוד גמילות חסדים האבן זיי מתקן געווען צו גיין נאך געלט.

## חנוכה א השלמה צו סוכות

אין סדר הדורות שטייט, אז וועגן דעם איז דא 8 טעג חנוכה, ווייל אין די צייט פון די חשמונאים האבן די אידן נישט געקענט מקיים זיין דעם יו"ט סוכות מיט שמיני עצרת - 8 טעג - צוליב די גזירות פון די יוונים, וועגן דעם האבן זיי מתקן געווען אכט טעג חנוכה.

פארשטייט מען דעם טעם פארוואס דער רמב"ם זאגט אז די טעג פון חנוכה זענען ימי שמחה, וואס איז לכאורה שווער צו פארשטיין, ווייל מיר געפינען נישט אין ערגעץ אז דער יו"ט חנוכה זאל האבן א ענין פון שמחה, נאר הלל והודאה.

אבער לויט דעם אז חנוכה איז מתוקן געווארן אלץ א השלמה אויף סוכות און שמיני עצרת, וואס זיי זענען דאך ימי שמחה, דארפן די טעג פון חנוכה אויך זיין ימי שמחה.

## דער יצר הרע איז מסביר...

דער שינאווער רב זי"ע האט דערציילט אז ווען ער איז געווען א קליין קינד איז ער אמאל אריין אין ביהמ"ד און ער האט זיך געזעצט לערנען גמרא ווארטנדיג אז דער טאטע דער הייליגער דברי חיים זי"ע זאל אריינקומען צינדן די מנורה.

האט ער זיך שטארק געמוטשעט אויף א שטיקל גמרא און ער האט נישט געקענט צוטרעפן דעם ריכטיגן פשט, ביז ווען א חבר איז צוגעקומען צו אים און אים געבעטן אז ער זאל קומען שפילן מיט אים קוויטלער, האט ער איהם געזאגט אז נאכדעם וואס ער וועט פארשטיין די גמרא וועט ער קומען שפילן.

אין יענע מינוט האט אים דער חבר געזאגט א גוטן פשט אויף די גמרא.

האט זיך דער שינאווער רב אנגערופן "עס מוז זיין אז דער בעל דבר האט דיר אריינגעגעבן אזא גוטן פשט אין מויל ווייל ער וויל אז מיר זאלן גיין שפילן קוויטלער, דעריבער בין איך זיך מקבל אז איך וועל קיינמאל נישט צורירן צו קיין קוויטלער, ווייל איך זע אז דער יצר הרע האט הנאה דערפון".

האט דער שינאווער רב אויסגעפירט "זייט דעמאלטס האב איך נישט צוגערירט צו קיין קוויטלער, נאר מיט א דריידל שפילט ער חנוכה ווייל מנהג ישראל תורה היא".

# הילולא דצדיקיא

**כ"ז כסלו, די דריטע חנוכה לעכטל איז די יארצייט פון כ"ק הרב הקדוש רבי חיים מטשערנאוויטץ זצוק"ל בעמסה"ק באר מים חיים**

דער **באר מים חיים** איז געווען ספעציעל באקאנט מיט זיין פייער און ברען פאר קדושת השבת. און מ'דערציילט מורא'דיגע מעשיות פון זיינע מדריגות אין שב"ק. צווישן די איז באקאנט אז ווען ער איז אהיימגעקומען פון די מקוה פרייטאג נאכמיטאג ביז מוצאי שב"ק, האט ער געהאט גאר א צווייטע סארט שבת'דיגע צורה. טייל זאגן אז ער איז גאר געווען מיט א קאפ העכער.

דער **נאסאדער רב זי"ע** האט דערציילט: עס איז געווען א פשוט'ער איד מיטן נאמען **הערש מאסיעפער**, ער איז געווען א פראסטער מענטש, און א גרויסער עם הארץ, וואס פלעגט זיין פארנומען מיט לצנות און ליידיג גיין. פאר פרנסה האט ער געהאנדלט מיט בהמות, און ער פלעגט גאנץ אפט פארן קיין טשערנאוויץ צום יריד.

אין איינע פון די טעג ווען **הערש** איז געשטאנען אויפן מארק איידער דער יריד האט זיך אנגעהויבן, און ער האט געשמועסט מיט זיינע חברים דברים בטלים, איז אנגעקומען א וואגן וואס אויף דעם איז געזעסן דער רב ומרא דאתרא פון די שטאט, **הגה"ק בעל באר מים חיים זי"ע**.

רופט זיך אן הערש מיט א לצנות "וואס וויל דער רבי?". זאגט דער באר מים חיים "**איך בין עוסק אין א דבר מצוה, איך נעם צוזאמען געלט פאר פדיון שבוים**". פרעגט ר' הערש "וויפיל געלט דארף דער רבי פאר די מצוה?". "**טויזנט פינף הונדערט רובל**" ענטפערט דער רבי.

הערש האט געהאט ביי זיך דעם סכום וואס ער האט מיטגענומען אויפן יריד, **האט ער ארויסגענומען פון טאש דאס גאנצע געלט און אוועק געגעבן פארן רבי'ן**. דער באר מים חיים איז זייער נתפעל געווארן פון זיין ברייטהארציגקייט, און ער האט אים אנגעוואונטשן "**זאלסט שפירן א טעם אין שבת**".

הערש האט שוין גארנישט געקענט קויפן אויפן יריד, אפילו געלט אויף שפעזן האט ער געדארפט בארגן, און ער איז אהיימגעפארן מיט ליידיגע הענט. ווען זיין משפחה האט געהערט דערפון האבן זיי אנגעהויבן צו שרייען אויף אים פארוואס ער האט דאס געטון, אבער ער האט גארנישט געענטפערט און ער האט אלעס מקבל געווען מיט שמחה.

עס איז געקומען דאנערשטאג נאכמיטאג האט אים אנגעהויבן צו ברענען א תשוקה צו שבת. וויבאלד ער איז נישט געווען קיין צדיק האט ער נישט געוואוסט ווי אזוי זיך איינצוהאלטן זיין התלהבות, און ער האט אנגעהויבן צו ברענען פאר קדושת השבת. ער האט געשפירט א געוואלדיגע זיסקייט אינעם שבת אז ער האט געברענט ווי א פייער. ער האט געפרעגט זיין פרוי "**דו ווייסט וואס עס וועט זיין מארגן?**", און זי האט צוריק געענטפערט ברוגז'ערהייט "וואס וועט זיין מארגן? **ערב שבת**, איך דארף טאקע געלט אויף שבת...".

ער האט זיך אבער נישט געקענט באהערשן, ביינאכט אין ביהמ"ד ביי מנחה מעריב האט ער געקאכט און געברענט ביים דאווענען, ער איז געשפרונגען פאר שמחה און דער עולם האט געמיינט אז ער איז ח"ו באריך געווארן, ווייל זיי האבן אים דאך גוט געקענט און געוואוסט אז ער איז בכלל נישט קיין בר הכי צו אזא התלהבות. נאכן דאווענען איז ער ארומגעגאנגען פרעגן מענטשן "**דו ווייסט וואס עס וועט זיין מארגן? מארגן איז ערב שבת**".

יענע נאכט האט ער נישט געקענט שלאפן פאר גרויס קאך און ברען. דער שחרית צופרי איז געווען נאך מער מיט א ברען ווי נעכטן, און ווי נענטער עס איז געקומען צו שבת האט ער זיך אלס וויניגער געקענט איינהאלטן. ביז ווען ער האט ממש נישט געקענט שטיין אויף איין פלאץ.

ווען עס איז געקומען די צייט פון **כניסת השבת האט ער שוין שיעור נישט אויסגעהויכט זיין נשמה פון גרויס דבקות.** אזוי איז ער געווען א גאנצן שבת, און זיין משפחה איז געווען זייער צובראכן דערפון. דער גאנצער עולם אין שטאט האט אים געהאלטן פאר א משוגענער.

אבער ווען עס איז געקומען זונטאג האט יעדער געזעהן אז ער איז צוריק געווארן א נארמאלער מענטש, און די גאנצע וואך האט ער געהעריג געהאנדלט מיט מענטשן. אבער ווען עס איז געקומען דאנערשטאג נאכמיטאג האט זיך צוריק אנגעהויבן די זעלבע זאך ער האט אנגעהויבן צו קאכן און צו ברענען. ביז נאך שבת, און נאך שבת איז ער צוריק געווארן רואיג.

נאכדעם וואס די מענטשן האבן געזעהן אז עס האלט אן א לענגערע צייט האבן זיי פארשטאנען אז דאס האט שייכות מיט די מצוה וואס ער האט געטון, **און די ברכה וואס ער האט באקומען פונעם באר מים חיים.**

דער נאסאדער רב האט דערציילט אז דער **רבי הערש** איז אזוי געווארן פון די חשוב'ע תלמידים פונעם **באר מים חיים** זי"ע, און ער האט נאך געקענט אידן פון סיגעט וואס פלעגן פארן אויף שבתים צו דעם רבי הערש, **און ער איז שפעטער געווארן א תלמיד חכם** און ער פלעגט זאגן וואונדערליכע דברי תורה ביים טיש, בסוף ימיו איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און ער איז דארט באערדיגט געווארן.

ווען דער נאסאדער רב האט דערציילט די מעשה, ביים ערשטן העלפט האט ער אים אנגערופן 'הערש' און שפעטער האט ער אים גערופן 'רבי הערש'.

דער **באר מים חיים** האט פארפאסט א צאל הייליגע ספרים, וואס זענען באקאנט אלס די גרעסטע יסודות'דיגסטע חסיד'ישע ספרים, **סידורו של שבת, באר מים חיים, שער התפילה, ארץ החיים**, וואס די אלע ספרים זענען באקאנט אז זיי פלאמען אויף אידישע הערצער צו עבודת ה'. דער הייליגער באר מים חיים איז נסתלק געווארן כ"ז כסלו תקע"ח.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**